מענדל נייגרעשל
אליעזר שינדלער

קליינע אַנטאָלאָגיע
פֿון דער יידישער ליריק
אין גאַליציע • 1897 ביז 1935

פֿאַרלאַג פֿון א. ב. צעראַטאַ • ווין

1 9 3 6

טיפּאָגראַפֿיע פֿון א. ב. צעראַטאַ ● געדרוקט אין דער דרוקעריי פֿון רייטער און שותּפים, ווין, צווייטער באַצירק, טאַבאָרשטראָז נומער 52b

mendl neugröschel yn eliëser schindler: klejne antologje fyn der jidisher lirik in galicje, 1897 bis 1935 ● *copyright 1936 by verlag a. b. cerata, wien, 20. bezirk, jägerstraße nr. 3* ● *druck: buchdruckerei reiter und co., wien, 2. bezirk, taborstraße nr. 52b*

משה לייב האַלפּערנס הייליקן אָנדענק

ווכצעטל

אַדלער יעקב: צייטליד 5
אייזלאַנד ראובן: אַזוי, אַזוי, די יאָרן גייען 6
● פּאָרטרעט 7
אימבער שמואל יעקב: דאָס גראָז איז שענער ● מיינע טעג . . 8
אַשענדאָרף ישראל: הערשעלע אָסטראָפּאָליערס מצבה 9
באָמזע נחום: פֿערד אין דער נאַכט 10
באַראַש אשר: אַ רו פֿון פֿאַרנאַכט 11
גראָס נפתלי: וואונדערלעך 12
גרינבערג אורי צבי: באַשעפּעניש מענטש 13
● פֿון: „מעפּיסטאָ" 14
דעמביצער סאַלאָמאָן: די נאַכט אין שטעטל 16
האַלפּערן משה לייב: אין קוני איילאַנד 17
● memento mori 18
האָראָוויץ בער: די לוקווער יידן ● מיין טרויערליד 19
ווירטה מיכל: מירעלע 20
וועבער ה.: צוויי פֿרויען אין גאַס 22
טעלער י. ל.: ליד 23
לי מלכה: באַליידיקט 24
לייבל דניאל: פֿון ווינטער 25
לעווי יוסף הלל: ווי אַ נס אויף דער וועלט 27
מעסטעל יעקב: פֿון: „דער נביא" 28
נאַדיר משה: איך קום נענטער צום טאָג 29
נייגרעשל מענדל: דער סאָד 32
פֿאָגעל דבורה: טרינקליד I 33
פֿאַלק יוסף: אין דער פֿרעמד 34
קאָרן רחל ה.: דיר 35
קעניגסבערג דוד: אין דער פֿרי ● נאָענט... 36
ראַוויטש מלך: קינד 37
● די פֿאַרשטויסענע צו די אָרימע 38
שטאָלצענבערג אַבא: טאַרנאָוו 39
שטאָק פֿראַדל: צי זאָל איך מיך פֿאַרבאָרגן 40
שטיקער מאיר: גליק 41
שימעל משה: מאָראַליזאַטאָריש ליד 42
שינדלער אליעזר: דער וועג 43
שנאַפּער בער: דאָס לעמעלע 44
ביבליאָגראַפֿיע 45

יעקב אַדלער

צייטליד

מיר וועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן
ניט האָבן —
די פֿעלדער, די ברייטע, זיי שטייען אין גריבער
צעגראָבן.

מיר וועלן קיין שאָף און קיין רינד אויפֿן פֿעלד מער
ניט האָבן —
די פֿעלדער, זיי זענען פֿאַרנומען מיט מתים
און ראָבן.

די ביימער, זיי שטייען באַלאָדן מיט עפּל
און באַרן —
זיי וועלן אַזוי אויך די צווייגן פֿאַרפֿוילן,
פֿאַרדאַרן...

די יינגסטע, די קרעפֿטיקסטע מענטשן, זיי שטייען
אין פֿלאַקער —
נימאָ, ווער ס'זאָל זייען און פֿלאַנצן און פֿירן
דעם אַקער.

די פֿעלדער, זיי זענען פֿאַרנומען מיט מתים
און ראָבן —
מיר וועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן
ניט האָבן...

ראובן אייזלאַנד

אַזוי, אַזוי, די יאָרן גייען

אַזוי! אַזוי! די יאָרן גייען און איך ווער אַלט.
איך האָב דאָס היינט געפֿונען אויף אַ שער־בלאַט פֿון אַן אַלטן בוך.
אַז באַלד און איך וועל ווערן דרייסיק יאָר.

איך ווינטש מיר, כ׳וואָלט געווען שוין אַלט.
איך וואָלט מיר דאַן געקויפֿט אַ גראָבן שטעקן,
און אפֿשר גאָר אַ טאַבאַק־פּושקעלע צום שמעקן,
און וואָלט אַרויס אין גאַס, געזעצט זיך באַ דער טיר,
באַטראַכט אַיעדן אײנעם און געלאַכט אין מיר
אויף אַלע די, וואָס יאָגן איילנדיק זיך פֿאַרביי
און האָבן גאָר קיין צייט ניט. אַ קוק, אַ לויף, אַ שפּיי,
און ווייטער זיך געיאָגט צו אַלדי גוטע יאָר.

און אפֿשר גאָר
וואָלט איך דאָס אויכעט ניט געטאָן,
נאָר כ׳וואָלט זיך פּשוט גאַנץ אַזוי געלאַסן
געגאַנגען מיר שפּאַצירן אין די גאַסן,
די הענט פֿאַרלייגט אַהינטער אויפֿן רוקן,
אַביסל אײַנגעבויגן, בנעימותדיק נאָר קוקן,
ווי שטיל, געלאַסן, ס׳טרעטן אויף די שטיינער
מײַנע אַלטע ביינער.
טראָט נאָך טראָט,
טראָט נאָך טראָט.

●

פּאָרטרעט

דאָס שאַרפֿע נעזל ברוגז צו דעם דיל,
די דינע ליפּלעך ווי צונויפֿגעקלעבט.
דאָס דאַרע הענטל ווי פֿון דראָט געוועבט
קלעבט אויפֿן טיש פֿאַרביסן, האַרט און שטיל.

און ווי אַ שלענגל צווישן גלאַנציק שטרוי,
קלאַפּט אויף איר שלייף אַן אָדער דין און בלוי.
די בייזע שׂנאה צינדט די אויגן גרוי.
דאָס הענטל אָבער קלעבט פֿאַרביסן שטיל.

דאָס גראָז איז שענער

דאָס גראָז איז שענער פֿון אַלע בלומען,
די טרער איז טיפֿער פֿון אַלע ימען;
דאָס גליק, וואָס קומט אויף אַ שטרוי געשוואומען,
בינדט הענט און פֿיס דעם ריז צוזאַמען.

דער טראָפּן בלוט אונטערן מינדסטן נאָגל
קומט אָפּט צום האַרץ אַלס לעצטער טרייסטער.
דער זאַק אָן שפּייז, דער לערער לאָגל,
באַטייט געווין אין דעם חכם׳ס רייסטער.

●

מיינע טעג

די טעג מיינע גייען אין שטילקייט אַוועק,
ווי כוואַליעס, וואָס גייען צו קניען באַם ברעג.

די טעג מיינע גייען, ווי מיידלעך צום טאַנץ —
פֿול פֿרייד און פֿול בלוטרויש און ציטערדיק גאַנץ.

די טעג מיינע קומען, ווי קינדער צו מיר
און שיטן — ווי קינדער — שאַרף זאַמד פֿאַר מיין טיר...

זיי קומען און לאָזן מיך אָפּטמאָל פֿאַרווינט —
איך שייד זיך מיט זיי, ווי מע שיידט זיך מיט פֿריינט.

ישראל אַשענדאָרף

הערשעלע אָסטראָפּאָליערס מצבה

דאָ ליגט הערשעלע, הערשעלע פֿון אָסטראָפּאָליע,
געשפּייזט זיין גוף מיט בולבעס, באָרשט און פּאַסאָליעס,
געקליידט זיך אין אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע מלבושים,
ס׳גאַנצע לעבן אַ חלוש — אויפֿגעהאַלטן זיך מיט נסים.
דאָס ווייב האָט באַ אים נעבעך געהאַט אַ פֿינצטערע דאָליע —
דאָ ליגט הערשעלע, הערשעלע פֿון אָסטראָפּאָליע.

ס׳קומט טאַקע אליהו הנביא די רבנים „תיקו׳ס" אויפֿצוקלערן,
די פֿעסלעך גאָלד באַ די גבירים פֿון טאָג צו טאָג זיך מערן.
אָבער וואָס מערער ס׳לערנען די רבנים די הייליקע תורה,
אַלץ מער פֿאַרזינקען זיי אין דער זינדיקער מרה־שחורה.
און וואָס מער ס׳ציילן די גבירים זייערע פֿעסלעך גאָלד,
אַלץ מער שרעקן זיך — גלייך תמיד וואָלט מען זיי באַרויבן געוואָלט.
אָבער ער אין גרעסטער נויט אַרומגעגאַנגען איז מיט אַ פֿריידיקן גלויבן;
דאָס גאָלד פֿון זיין שמייכל געלעגן איז פֿאַר יעדן פֿריי.
ווייל ווער וועט עס דען פּרואוון באַ אים אַוועקרויבן,
פֿאַר יעדן, פֿאַר יעדן איז עס דאָך געווען סיי ווי סיי!

ליגט ער דאָ, דער קלוגעטשקער הערשעלע, אונטער דער מצבה,
הערשעלע, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פֿונם הימל בגנבה,
אַרויסגעגנבעט זיך, אָנצוטרינקען אַלע פֿאַרמרה־שחורהטע מיט פֿריידן.
ס׳האָט נאָך אים געבענקט דער אויבערשטער אין זיין פֿאַרגליווערטן גן־עדן,
האָט ער אים געפּלאָגט מיט דחקות און נויט, ער זאָל פֿאַרלאָזן די ערד.
נאָר וואָס מער ר׳האָט געליטן, אַלץ העזהדיקער האָט ער זיך געווערט,
ביז ער האָט ווי אַ לאַנג נאָכגעיאָגט הינדעלע נאָכגעגעבן —
זאָל זיין פֿרייד זיין איינגעבינדן אין בינטל פֿון אונדזער אומעטיקן לעבן.

נחום באָמזע

פֿערד אין דער נאַכט

פֿערד אין דער נאַכט זענען נאָנטער ווי מענטשן,
ווען ס'גייט אויף לבנה אַזוי רויט אויף קופּאָלן,
אויף קופּאָלן פֿון קלויסטערס, וואָס זשאַרען אין אָוונט,
ווען דער טאָג, ווי אַ גוסס, ליגט האַרט פֿאַרן פּאַרקן.

פֿערד אין דער נאַכט זענען נאָנטער ווי טרערן,
ווען ס'קומט אויף דערמאָנונג אין האַרץ פֿון אַ מענטשן,
זענען טיפֿער פֿון פֿריידן, וואָס קוואַלן פֿון טיפֿן,
ווען ס'האָט זיך צעפֿלאַטערט אַן אָדלער אין האַרצן.

פֿערד אין דער נאַכט אויף גראָזן פֿון לאָנקעס,
ווען ס'בויגן זיך קעפּ אַזוי פֿרום אָן געשפּאַן,
זענען נאָנטער ווי אומעטן אין צייט פֿון אָפּשטאַרבן,
זענען ליבער ווי פֿריידן אין שעה פֿון באַגינען.

פֿערד אין דער נאַכט, ווען ס'האָט אַ רעגן געקאַפּעט
און ס'זינגען די רינוועס דאָס ליד פֿון פֿאַרגייען —
קענען טיפֿער באַהעפֿטן דעם צער פֿון דיין האַרצן,
וועלן טיפֿער פֿאַרשטייען די פֿרייד פֿון אַ מענטשן...

אשר באַראַש

אַ רו פֿון פֿאַרנאַכט

אַ רו פֿון פֿאַרנאַכט אַ געבענטשטע,
געשפּינטע פֿון גינגאָלדנע שטראַלן,
פֿון טיף־ווייכע, מיסטישע קלאַנגען,
הילט איין איצט אין בלאָע וואואַלן
די פֿעלדער, געצירטע מיט זאַנגען.

אַ שטילינקער פֿויגל פֿאַרדרימלט,
דאָס קעפּל פֿאַרדעקט מיט אַ פֿליגל;
איצט ווינט זיך אין גליק־פֿולע ווייען
און זעט נישט די הימלישע חופּה,
וואָס טוט זיך מיט שטערן באַזייען...

אַ הויך ווי פֿון אַנדערע וועלטן
באַרירט לייכט דיין קראַנקע נשמה;
אַ ליד פֿון פֿאַרבאָרגענע גליקן
צעגיסט זיך אין זיסקייט אַרום דיר
און טוט דיך אין חלומות פֿאַרשטריקן...

נפתלי גראָס

וואונדערלעך

ווי וואונדערלעך, ווי וואונדערלעך דאָס איז געשען:
איך בין געזעסן אויפֿן גאַנעק פֿאַרן הויז,
געקוקט ווי קינדער דרייען זיך אין רינגען,
און זינגען, זינגען, ווי קליינע קינדער זינגען,
און נישט געזען,
ווי ס׳גייט דער טאָג, דער טאַניך, פֿאַר מיינע אויגן איבער —
ווי וואונדערלעך עס איז דער טאָג אין נאַכט אַריבער.

און ס׳קאָן נאָך זיין, עס וועט אַמאָל אַזוי געשען:
איך וועל, ווי איצטער, זיצן אויפֿן גאַנעק פֿאַרן הויז
און קוקן, ווי קינדער דרייען זיך אין רינגען
און זינגען, זינגען, ווי קליינע קינדער זינגען,
און וועל נישט זען,
ווי ס׳גייט דער טאָג, דער טאַניך, פֿאַר מיינע אויגן איבער —
ווי ס׳גייט מיין לעבן אין אַן אַנדער וועלט אַריבער.

אורי צבי גרינבערג

באַשעפֿעניש מענטש

און איך האָב געפֿרעגט באַ חכמים מיט שניי אויף די קעפּ שוין:
וואָס איז דער סוד פֿונם מענטשלעכן אָנהויב און אויסלאָז.
וואָס איז זיין אויפֿשטיין מיט זון גלייך און וואָס איז זיין אויסגיין.

עס זענען די זקנים געזעסן נאָך טבילה אין וואַסער,
(עס האָבן געפֿיבערט אוודאי די לויטערע גופים)...
און האָבן געקנייטשט מיט די קלוגע און ליכטיקע שטערנס
אַריבער די ספרים פֿון מענטשלעכע זיבעציק שפּראַכן.
און ס'האָבן די שויבן געברענט אין דער וועלט פֿונם אָוונט,
ווען זייערע הייליקע אויגן האָט אָוונט געצויגן — —

(אַזוי האָט געברענט אין מיין קאָפּ דאָס געוועב פֿון מחשבות).

קינד מיינס, האָט יעדער פֿון זיי מיר געזאָגט אינם אָוונט:
יאָרן און יאָרן אַזוי בין איך הוקר־ודורש
אין הייליקע ספרים,
און פֿון דעם באַשעפֿעניש: מענטש, שטייט געשריבן (אַ ציטער!)
די מעשים, די חכמה, די נעצן, דאָס שלעכטס און דאָס גוטע,
און אַלץ, וואָס דערציילט פֿונם מענטשלעכן אויפֿגיין און אויסגיין:
דאָס בויען היכלות מיט פֿרייד און דאָס קלינגען מיט גלאָקן.
דאָס לאַכן אין דופּטיקע נעכט ביז די רויטע באַגינענס.
די וואונדער פֿון גיין אויפֿן ים. דאָס פֿאַרפֿילן דעם מרחק
און דאַן די הורבונות פֿון מענטשן, דאָס שעלטן דעם הימל.
דער פֿאַל פֿון די לייבער און ווערן אַ שפּייז פֿאַר די ווערים. —

און איך האָב די זקנים געלאָזן באַ זייערע ספרים,
מיט חן פֿון לבנות אין פּנים און נאַכט אין די אויגן.
(זיי זענען זיך טובלען געגאַנגען אוודאי אין טייכן — —)

ס׳זענען שוין פֿינצטער געווען די שויבן פֿון ווײַ־שטעט
און ס׳האָט דער צוקאָפּנס־שטײַן מײַנער: דער וואַנזין, געפּונקלט.
ווען איך האָב מײַן גוף אַזוי גרויליק אַנידערגעוואָרפֿן
אין נאַכטישן ווינקל.

●

פֿון: „מעפּיסטאָ“

כ׳האָב מײַן בעטל געשטעלט אויף דער פלושענער שוועל
פֿאַר שלאָפֿן־גײַן־טויער.

האַלב־נאַקעטער זײַן איך, דעם קאָפּ אַ געבויגענעם
ביז צו די קניעס,
און קאָרטשע מיך, קאָרטשע מיך:
עפֿן דיך, טויער!

אָ אכזר, אָ האַר פֿון מײַן ליד־טאָג און אומרו,
לאָז רוען באַנאַכט כאָטש דײַן קרבן — מײַן קערפּער!

דער שלאָף איז אַ גוטער, אַ ווייכער, אַ טיפֿער.
די נאַכט איז אַ קילע, אַ לינדע, אַ שטילע,
און איבער דעם בראַנדיקן סנה־גוף צעגיסט זיך
אַ רחמימדיק בלאָקייט — —

אָ עפֿן דעם טויער!

עס ברענען אַזוי מײַנע וואונדן, מעפּיסטאָ!
עס ברענען די צייכנס פֿון דײַנע גלי־ריטער!
און וואָס וועט דיר שאַטן, אַז פלאָג־גוף וועט שלאָפֿן,
אַ פּאָר שעה נישט וויסן, וואָס ס׳איז אַזוינס לעבן,
אַ פּאָר שעה נישט גרוילן!!
אומזיסט איז מײַן תפילה.
דער האַר איז אַ טויבער...
מעפּיסטאָ אַ טויבער!

האַלב־נאַקעטער זײַן איך, דעם קאָפּ אַ געבויגענעם
ביז צו די קניעס.

מײַן בעט איז געשטעלט אויף דער פּלושענער שוועל
פֿאַרן שלאָפֿן־גײַן־טויער...

די נאַכט איז אַ קילע, אַ ווייכע, אַ גוטע,
מעפּיסטאָ — אַ טויבער — — —

סאַלאָמאָן דעמביצער

די נאַכט אין שטעטל

די הייזער, זיי שלאָפֿן, זיי שטייען איצט שטום,
דער שומר גייט לאַנגזאַם אין שטעטל אַרום.
פֿאַרלאָזן דער מאַרק, די געסלעך און גאַס,
די וועלט זעט אויס טרויריק און טויטלעך און בלאַס;
עס רוט אויך דער גאָרטן, די בלום און דער בוים,
די נאַכט, דאַכט זיך, חלומט אַן אייביקן טרוים...
און אַלץ איז מיט צויבער, אַזוי הייליק און שטיל,
די הייזער, דער טורעם, דער מאַרק און די שול.
די לבנה דאָרט אויבן שפּאַצירט זיך פֿאַרטראַכט,
באַלייכט איצט דאָס שטעטל אין שטילקייט פֿון נאַכט. —

משה לייב האַלפּערן

אין קוני איילאַנד

משה־לייב, משה־לייב,
ס'איז ניט פֿון זיידנס פֿעלד דאָס שיקסל, וואָס דו זעסט.
פֿון וואַנען דען? פֿון הי.
דאָס הייסט — אַ פֿויגעלע פֿון אַ בראָדווייער נעסט
איז זי? — — —
קען זיין.

און אפשר גאָר
איז זי אַזאַ, וואָס טאַנצט די האָנאָלולו־טענץ
אין קוני איילאַנד דאָ.
און אַלע נאַכט באַוואָרפֿט מען זי מיט גאָלד און קרענץ —
איאָ? — — —
קען זיין.

און אפשר גאָר
האָט זי אַ מאַן, אַ לאָרד, וואָס טראָגט אַ ווייסן באָרד,
און וואוינט אין אַ האָטעל,
וואו שטייף, ווי וואַקס־פֿיגורן, שטיין די דינער דאָרט
באַם שוועל? — — —
קען זיין.

אויב יאָ אַזוי,
פֿאַרוואָס־זשע קומט דער לאָרד ניט אויך אַהער צו גיין,
פֿאַרוואָס? וואו איז ער, וואו?
צי איז ער אויך אַליין, משה־לייב? אַזוי אַליין
ווי דו? — — —
קען זיין.

●

memento mori

און אַז משה לייב, דער פּאָעט, וועט דערציילן,
אַז ער האָט דעם טויט אויף די כוואַליעס געזען,
אַזוי ווי מע זעט זיך אַליין אין אַ שפּיגל,
און דאָס אין דער פֿרי גאָר, אַזוי אַרום צען —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה לייבן?

און אַז משה לייב האָט דעם טויט פֿונדערווייטנס
באַגריסט מיט אַ האַנט און געפֿרעגט, ווי סע גייט,
און דווקא בעת ס׳האָבן מענטשן פֿיל טויזנט
אין וואַסער זיך ווילד מיט דעם לעבן געפֿרייט —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה לייבן?

און אַז משה לייב וועט מיט טרערן זיך שווערן,
אַז ס׳האָט צו דעם טויט אים געצויגן אַזוי —
אַזוי ווי סע ציט אַ פֿאַרבענקטן אין אָוונט
צום פֿענצטער פֿון זיינס אַ פֿאַרהייליקטער פֿרוי —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה לייבן?

און אַז משה לייב וועט דעם טויט פֿאַר זיי מאָלן
נישט גרוי און נישט פֿינצטער, נאָר פֿאַרבנרייך שיין,
אַזוי ווי ער האָט אַרום צען זיך באַוויזן
דאָרט ווייט צווישן הימל און כוואַליעס אַליין —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה לייבן?

די לוקווער יידן

די לוקווער יידן
גייען אין זגרעבנע העמדער!
און זיי לעבן תמיד אין פרידן:
די לוקווער יידן!

אויף זעליק פּישלס רוקן
איז אַ פּחד צו קוקן!
ער פּאַקט אַ בוהיי באַ די הערנער,
טוט דער זיך צו אים בוקן!

וואָס רוישט אַזוי דער וואַלד?
סאַראַ מעכטיק קלינגען?
דאָס קאָסען די לוקווער יינגען
און לוקווער שניטערנס זינגען!

ס׳וואַקסט דאָס האַרץ אין דער ברוסט,
ס׳קומען אויף שטאָלצע טרערן!
ס׳ווילן זיך אַזוינע יידן,
ווי לוקווער יידן מערן!...

●

מיין טרויערליד

ס׳האָט מיך אַרומגענומען דער טרויער
ווי די יונגיטשקע, גריגינקע סמערעקעס
דער שנייַ
מיט זיין שווערן, גראָבן טלית...

חוץ דעם טוט מיר גאָרנישט וויי...

2*

מיכל ווירטה

מירעלע

דער קרעמערקעס דבורהלעס טעכטערל הייסט:
שיין מירעלע, מירעלע!
און דבורהלע זאָגט, אַז איר איינציקע טרייסט
איז מירעלע, מירעלע.
די זון שיינט באַטאָג, די לבנה באַנאַכט,
און מירעלע שטייט בײַ דעם פֿענצטער און לאַכט...
לאַך, מירעלע! מירעלע!

דאָס מירעלע איז הנעוודיק, צוקערדיק שיין,
דאָס מירעלע... מירעלע!...
זי האָט ווייסע הענטעלעך, ווייסינקע ציין...
אַך, מירעלע... מירעלע!...
די ייִנגלעך ווערן פֿאַר בענקשאַפֿט אויש בלאַס,
נאָר מירעלעס הערצל איז קאַלטער פֿון אייז...
איי, מירעלע! מירעלע!

פֿאַר מירעלעס פֿענצטערלעך דרייען זיך אַרום —
זעט מירעלע... מירעלע...
די פֿיינסטע בחורימלעך שווייגנדיק שטום...
הם... מירעלע... מירעלע...
די זון שיינט באַטאָג, די לבנה באַנאַכט,
און מירעלע שטייט בײַ דעם פֿענצטער און לאַכט...
איי, מירעלע! מירעלע!

עס פֿליען נאָר זיפֿצן צום הימל אַרויף...
אַך, מירעלע... מירעלע!
עס נעמט נישט קיין עסן, עס נעמט נישט קיין שלאָף,
אוי, מירעלע... מירעלע!

עס פלאַצן די הערצער פֿון ווייטאָג און שמערץ,
נאָר קיינער קען רירן ס'פֿאַרפֿרוירענע הערץ
פֿון מירעלע, מירעלע!...

די יאָרן ווי וואַסערן שווימען אַוועק,
זע, מירעלע, מירעלע!
עס האָט שוין דיין שיינקייט גענומען אַן עק...
אוי, מירעלע... מירעלע!
שוין פֿינצטער דיין פּנים, געבויגן דיין קאָפּ
און רויטלעך די אויגן און גרוי שוין דער צאָפּ...
גרוי! מירעלע... מירעלע...

עס לייכטן די שטערן, די לבֿנה באַנאַכט
אויף מירעלע, מירעלע!
זי שטייט בײַ דעם פֿענצטער פֿאַרומערט, פֿאַרטראַכט...
אוי, מירעלע... מירעלע!...
עס שווימען די וואָלקן אַהין און אַהער,
פֿון מירעלעס אייגעלעך קאַפּעט אַ טרער...
וויין, מירעלע!... מירעלע!...

ה. וועבער

צוויי פרויען אין גאַס

צוויי פרויען פאַרזייען אַ שווייגן
אינמיטן אַ ליידיקער גאַס —
פליען באַלקאָנען ווי שטייגן
און מאַכן דעם אָוונט פלאַך.

שפרייזט פון דערווייטנס דער אָוונט
מיט אַ ציגאַר אין די ציין,
פילט מיט דער שטאָט זיך באַוואָרנט,
ווי מיט אַ צעמענטענעם ביין.

צוויי פרויען טראָגן אַקעגן
אַ פרישגעדעקטע נאַכט
אויף הענט — ווי פאַרטרעטענע וועגן
אין פאָרשטאָטס־גערטנער פאַרשפאַרט.

איצט גייען הינט נאָך אין גאָרטן
און זוכן פאַרמעקטע טריט,
ווייל ס'קומען שוין מענער — ווי קאָרטן
אויף אַ פאַרפלעקטן טיש. —

וואַקסט אין די פרויען אַ מידקייט
ביז ווייט אַרויף צום באַלקאָן,
וואו ס'האָבן גלעזערנע טירן
אין זייערע הענט זיך דערמאָנט.

וואו ס'קנייטשן זיך נאָך גאַרדינען
פון זייער פאַרגעסענער שאַנד,
און ס'טריפט שוין אַ טרייסט דורך אַ דינער,
מיט טויטקייט פאַרהאָנגענער וואַנט. —

י. ל. טעלער

ליד

דער אַלטער מיט די מילדע, גוטע אויגן און די אָדערדיקע צאַרטע הענט,
באַם פּאַרקן אין זומערדיקן פֿאַרנאַכט:
שטילקייט שלייכט אַרום אין גערטנער —
און באַשפּריצט די בוימער און די גראָזן;
יונגע הערצער בענקענען צו שאָטנדיקע פּלויטן;
אין בלייכן שיין, מיט ציטערדיקע הענט
שרייבן ווינטן איין זייערע נעמען אין זאַמד;
און דער גוטער זקן באַם פּאַרקן
רוקט אַריין צוויי פֿינגער מיט טאַבאַק אין נאָז,
ווי אַ שאָטן מיט אַ קריגל מילך
איילט אַ שמייכל דורך אויף זיינע ליפּן...

מיטן וועג, וואָס פֿירט צום באַלויכטענעם הויז,
שפּאַנט ער געמיטלעך,
הענט פֿאַרלייגט, און קאָפּ אויף ברוסט,
ווי ער וואָלט געשאַצט דעם ווערט פֿון די אייגענע טריט...

מלכה לי

באַליידיקט

דו האָסט זיך איבער מיר געבויגן —
סאַמעט־פֿליגל זענען אָנגעפֿלויגן,
געגלעט מיין פּנים מיט ווייעס פֿון דיינע אויגן...

האָבן ווייסע דעכער זיך געוויגט אין שטויבן,
הייזער האָבן זיך אין וואַסער־בערג געבויגן —
אונדז מיט זיך אַראָפּ, אַראָפּ געצויגן.

מיין קאָפּ איז אויסגעבויגן ווי צום שעכטן,
איך בין באַליידיקט נאָך פֿון נעכטן
און בעט אויפֿסניי, מיינע צעפּ צעפֿלעכטן...

דניאל לייבל

פֿון ווינטער

די ערד איז געווען אַ גאָרטן, אַ ווייסער,
מיט שניי־ווייסע בלומען באַוועבט און באַצווײַגן —
איך שטיי פֿאַרן פֿענצטער און רייב מיר די אויגן:
מע זעט נישט אַזוינס אין פֿאַרכשופֿטן קעסטל:
אַ שניי איז געפֿאַלן און ס'ציטערט אַ פֿרעסטל.

און האָסטו דאָס פֿענצטער געעפֿנט
און האָסטו אַרויס זיך געבויגן —
דערפֿילסטו אַ זילבערנעם קופּל פֿון אויבן,
וואָס שיט אויף דיר בלומען מיט זילבערנע גלאַנצן.
און אַלץ הויבט אָן לאַכן
און אַלץ הויבט אָן טאַנצן
און דו — אין דער מיטן.

מיר זינגען, מיר הוליען,
און אַלץ מוז איך קושן,
און אַלץ מוז איך טוליען,
און ענג ווערט די וועלט אונדז:
דער הימל פֿאַרהאַלט אונדז,
די ערד, זי פֿאַרשטעלט אונדז.
מיר מוזן דעם זילבערנעם הימל צעברעכן —
מיר הויבן די קעפּ און ער מוז זיך שוין שיטן.
אַ שטויס מיטן פֿוס און די ערד איז אַנטלאָפֿן
און שוין איז אַלץ פֿרייער
און שוין איז אַלץ אָפֿן.
נאָר פּלוצים דערפֿילסטו, אַז דאָס נאָר איז טייער,
וואָס ווייטער און ווייטער

און שוועבסט נאָך אַרום אין צעבראָכענע הימלען,
און שליידערסט אַרום מיט פֿאַרוואָגלטע ערדן,
און פֿאַלסט באַלד אַ מידער.
מלאכים פֿאַרבלוטע מיט בלוטיקע שווערדן,
מלאכים, וואָס גוססען, זינגען דיר לידער.

ווי אַ נס אויף דער וועלט

ווען כ׳זע אים פֿאַרהילט אין זיין טלית,
פֿאַרגאַרטלט אין שפּלער גויט,
דאַן גלייכט ער זיין אייגענעם גאָט —
און דאַמאָלס באַגרייף איך שוין אַלעס.

קדושים, ווען מ׳האָט זיי געצווינגן
צום שייטער, אין ליידן פֿאַרליבט,
האָבן אַזוי נישט באַטריבט
געבליקט ווי בא אים זיינע אויגן...

ס׳איז פֿול מיט תמימות זיין גלויבן,
וואָס יעדערן מאַטערט און קוועלט,
קאָן ער דערטראָגן אין שטילן;
ער פֿילט, וואָס ס׳קאָן קיינער נישט פֿילן
און לעבט ווי אַ נס אויף דער וועלט. —

יעקב מעסטעל

פון: „דער נביא"

איך גיי נאָך צווישן אייך
מיט צוגעמאַכטע אויגן,
און דריקט איר מיר די האַנט,
דאַן איז מיין קאָפּ געבויגן.
און יאָרן האָב איך לאַנג
אַזוי דורך אייך געצויגן...
איך גיי נאָך צווישן אייך
מיט צוגעמאַכטע אויגן.

איר האָט געגלעט מיין קאָפּ
מיט איניק־גרויס באַגערן,
האָב איך דערפּילט אין ברוסט
א הארציק־ווייך פאַרצערן,
און עפּנדיק דאָס אויג —
דערזעען האָב איך טרערן!
איר האָט געגלעט מיין קאָפּ
מיט גלויביק־גרויס באַגערן...

און נישט דערפּילט האָב איך
דעם גאָט אוים אייער שווערן...
איר האָט געזאַלבט מיין קאָפּ
מיט איניק־הייסע טרערן —
און איך האָב יעדעס וואָרט
צו אייך אַזוי געוואויגן!...
געגאַנגען צווישן אייך
מיט צוגעמאַכטע אויגן...

איך קום נענטער צום טאָג

כ׳קום נענטער צום טאָג,
כ׳קום נענטער צו אייך.
און קוקט נישט מיט חשד, מיינע ברידער.
איך קום דאָך ווי איר פֿון דער אָרימער גאַס,
איך קום דאָך ווי איר פֿון דער נידער.

און האָב איך אַמאָל מיט גאַווהדיק וואָרט,
מיט זשעסטן געפּלאַכט און געקונציקט —
ס׳האָט מיך ס׳לעבן געפּאַטשט שוין גענוג
און אויגן און ליפּן פֿאַרוואונדיקט.

כ׳קום נענטער צו דיר,
געטרוי מיר דיין האַנט
אָ, הבר אויף בלוטיקע וועגן.
נישט שטיי אין מיין טיר
אין ספק געשפּאַנט
ווי אַ גאַסט אויף אַ וויל, אויף אַ רגע.

נישט פֿרעמדט זיך פֿון מיר
אָ, נאָענטסטע מיין,
איך טאָר מיך פֿון אייך נישט פֿאַרפֿרעמדן.

איך דריי איין דעם לאָמפּ
פֿון מיין בליציקן וואָרט,
כדי אייך
די אויגן נישט בלענדן.
פֿאַרשטייט מיך און גלויבט מיר,
און גלויבט, אַז מיין אויג

קען קיינמאָל נישט זאָגן קיין ליגן.
איך ברענג אייך די זאַפּט
פֿון מיין ווייטיקדיק וואָרט
אין פראָסטן,
אין ערדענעם קריגל.

איך קום זיך נישט בויגן
אפילו צו אייך,
אפילו צום הארץ מיינעם אויך נישט.

מיין צאַפּלען, מיין צוקן
ווערט מילדער,
ווערט ווייך,
אַז איך ווייס, אַז מ י י ן הויך איז קיין הויך נישט.

איך שטעל מיר
קיין גאָלדן מצבהלע ניט.
איך לעב נישט פֿאַר ווייַרויך און לאָרבערס.
איך גיי מיט די קעמפֿנדע אָרעמע מיט
און טראָג מיינע פּלייצעס ווי טאָרבעס.

איך וויל אייך נישט זאָגן,
אַז ליב האָב איך, ליב
די שטומע, די שטוינענדע מאַסן,
ווען זיי הויבן־אָן ברויזן
ווי שטראָמען סוף־מעריץ,
ווען יאָרהונדערטער־שליוזן צעפּלאַצן.

איך וויל אייך נישט גלעטן
מיט סאַמעטן וואָרט
אָט דאָרט, וואו עס ווייטיקט צום ערגסטן.
איך וויל אייך נאָר זאָגן, ביז איר זענט נישט זאַט,
וועט אייגענער ביסן מיך ווערגן.

בו, זאָל זיין גענוג.
איך קום זיך פֿאַר אייך
מיט גרויסע פֿאַרדינסטן נישט רימען —
איך וויל נאָר, אַז איר,
אַז איר נאָר אַליין
זאָלט ווערן די שטים פֿון מיין שטימע...

און וואָס נאָך?
כ'האָב מיין מאַמען דאָך זיכער געליבט —
ס'קען קיינער, מיר דאַכט, מער נישט ליבן —
דאָך האָב איך איר קיינמאָל
קיין זיסינקע בריוו,
קיין חניפֿהקע בריוו נישט געשריבן.

איז קומט נענטער צו מיר
און שרייט דורך מיין מויל
און זינגט דורך מיין האַרץ,
דורך די אויגן.

איך קום זיך נישט בוקן,
נישט שמייכלען צו אייך,
איך קום זיך צו קיינעם נישט בויגן.

דער סאָד

ר. אייזלאַנדן

אָ ליכטיק האַרץ, מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָן עס:
נאָך טעג פֿון אומרו, פּחד און סכנות
ביסטו דערשוואומען צו דער רו פֿון באָרטן:

עס רוישט מיט זאַטער צייטיקייט דער גאָרטן
און קילט מיט פֿרישע עפּל און מיט באַרנעס.
און ס'נייגט זיך טיף דאָס גראָז צו טריט פֿון סאַרנעס,
וואָס וואָגלען זאַנפֿט און צאַרט ווי שלאַנקע פֿרויען,
פֿאַרבענקט צו הייסער ערד, וואָס אָטעמט פּאַרנע
מיט פֿרייד און גאָלד פֿון זומערדיקע שעה'ן.

ווען זון פֿאַרגייט און גרינגער אָוונט בלויט
מיט קילער רו צום פֿיאָלעט פֿון קרויט,
ווערט פֿייכט דאָס גראָז — און פֿון דיביימער טויט
די שטילקייט — וואָס מיין ערשטע, טיפֿסטע היים איז,
און ס'שמעקט די נאַכט מיט צייטיקייט און שלימות.

און ס'פֿאַלן דעמלט מיט אַ טיף געהיימער
קראַפֿט בלאָע פּירות פֿון די הויכע ביימער.
ס'ווערט זיס די פֿרוכט פֿון שטערן און דער הימל
ווערט טיף און בלאָ און גוט ווי ברויט מיט קימל.
און קריגן ווערן פֿול און גייען איבער
און ס'שמעקט מיט זעט און שפע אין די שטיבער...

ווערט טיף די נאַכט, די וועלט ווערט וואונדערלעכער.
די וואָך איז זאַט. און ווי אַ פֿולער בעכער
מיט טונקלען ווייַן פֿאַרנייגט זיך טיף דער פֿרייטיק.

אָ ברידער מיינע: לאָמיר ווערן צייטיק!

דבורה פאָגעל

טרינקליד I

איצטער איז די צייט געקומען,
געקומען די צייט פֿון טרינקלידער
וואָרום טרויעריק זענען מיר ביז צום טויט.

וואָסזשע קאָן מען טון
ווען ס'נעמט אונדז אַרום דער טרויער
ווי אַ קרעל מיט טויזנט אָרעמס
פֿון דער זייט און פֿון דער צווייטער זייט
וואָסזשע קאָן מען טון...

ווען מען קען נישט לעבן אָן מענטשן
און מען קען נישט לעבן מיט זיי?

טאָ זאָל מען זיך זעצן אַרום טישן,
פֿרויען זאָלן זיך אין ווייכן סאַמעט אָנטון,
מענער זאָלן הייסע ליפּן ברענגען
און הענט צערטלענדיקע טרויעריקע הענט.

און מען זאָל קרישטאָלענע גלעזער שטעלן:
פֿון קילן בערנשטיין גלעזער, פֿון רויטע קרעלן —
און זיך טוקן אין דעם קלעבּיקן געטראַנק
אין געטראַנק פֿון טרויבן און פֿון קושן.

און מער גאָרנישט
און מער גאָרנישט טון
וואָרום וואָסזשע קאָן מען מער נאָך טון...

יוסף פֿאַלק

אין דער פֿרעמד

אַליין מער קלאָרער ווערט מיר אין דער פֿרעמד:

ס'איז מיין היים אַ ווייטע יענע־וועלט,
וואו מיין מאַמע לאַטעט מיר אַ העמד,
און באַצער'ט אַזוי מיין טאַטנס אויג
איז מיט ספקות אויף מיר אָנגעשטעלט
(ס'איז אַ קשיה, צי פֿאַר עפּעס כ'טויג!)
און מיין ברודער צו דער וואַנט מיך קלעמט
מיט אַ האַרבער שאלה ווענן גאָט
און ער שווערט מיר צו — צו האַלטן סוד...

אַליין מער וואָרער ווערט און שווער די פֿרעמד!

רחל ה. קאָרן

דיר

כ׳בין דורכגעווייקט מיט דיר, ווי ערד מיט פֿרילינגדיקן רעגן
און ס׳הענגט מיין בלאָנדסטער טאָג
באַם קלאַפּנדיקן דופּק פֿון דיין שטילסטן וואָרט
ווי די בין באַם צווייג פֿון בליענדיקע ליפּעס.

און כ׳בין איבער דיר, ווי דער צוואָג פֿון שפּע
אין דער צייט,
ווען אין פֿעלד גלייכט זיך אויס דער ווייץ מיטן קאָרן
און לייגט זיך מיט דער האָפֿענונג פֿון גרינקייט
איבער די אויסגעקערטע פּאָדלאָגעס פֿון שפּייכלערס.

פֿון מיינע שפּיצנפֿינגער טריפֿט געטריישאַפֿט אויף דיין מידן קאָפּ
און מיינע יאָרן,
פֿעלד, אויף וועלכן ס׳טרעטן דיינע פֿיס,
ווערן פֿעט און אָנגעשוואָלן
פֿון צער
ד י ך צו ליבן, געליבטער מאַן.

דוד קעניגסבערג

אין דער פֿרי

שוין גראָ אין דרויסן, ס'האָבן שוין די הענער,
מיט גרינגע פֿליגל טועַנדיק אַ שלאָג,
געקרייעט אין דעם שלאָפֿפֿולן פֿאַרטאָג.
שוין וועקן זיך אויפֿסניי דעם טאָג־רעש'ס טענער.

דער וואַסערטרעגער איז שוין אויפֿגעשטאַנען
פֿון זיין געלעגערס האַרטער מאָרגנרו,
באַוועגט זיך שלעפֿעריק צום וואַסער צו,
און קומט זיך הוידענדיק מיט שווערע קאַנען.

פּאַוואָליע קומט דאָס לעבן אין זיין גאַנג
און טירן עפֿענען זיך אין יעדן הויז.
ס'גייען שכנים באַ אייננאַנדער איין און אויס. —

דער שלעפֿער איז פֿאַרשלאָפֿן היינט צו לאַנג,
כאַפּט אויף זיך: שפּעט! און טוט זיך אַ וואָרף:
דער דאָרפֿסגייער איז שוין אין צענטן דאָרף.

●

נאָנט זענען מיר אַלע וואונדער
און מעשים פֿון יעדער צייט.
און בין איך דאָ אַצינד־ער —
און מאָרגן בין איך ווייט.

דעם וועג פֿון שטן מייד איך;
זיין ברייטסטער וועג איז מיר שמאָל.
און וואו סע וואוינט די ליבע,
דאָרט קום איך נאָך טויזנטמאָל.

מלך ראוויטש

קינד

אין אַן אָסיען־פֿאַרנאַכט
ווערט קיל און טונקל אין מיינע שטיבער,
צינד איך אָן אַ ליכט און לעז די לידער פֿון מיינע פֿריינט.
קלאַפּט עמיץ אָן, גיי איך און עפֿן.
— אָ, דו מיין ליבער!
ער אָבער זעצט זיך אַקייגניבער,
שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָןביידע הענט;
בלאָזט אויס דאָס ליכט.
דערווייליע איז געוואָרן טיפֿע פֿינצטערניש.
— דו, זאָגט ער,
וואָס האָט דיר אַ ווייב געטויגט,
אַז זי זאָל האָבן דיר אַ קינד, אַ קראַנקס?
עס איז דאָך קראַנק, זיינע ביינדערלעך זענען אַזוי שמאָל;
און, אַז עס לאַכט שוין יאָ אַמאָל, אַמאָל,
געפֿעלט מיר נישט זיין לאַכן.
אָט אַזאַ קליינס, לאָז עס נאָר איבער אויף איין מינוט
אויף אַ טיש, פֿאַלט עס אַראָפּ,
און אָט פֿון דעם קליינעם, בלאָנדן קאָפּ
קאָן גיין אַ גאַנצער בעקן בלוט.
און טאָמער פֿאַרקילט עס זיך, אָט אַזאַ קליינס,
קען עס דען אויסהאַלטן פֿערציק גראַד פֿיבער?
איין טאָג, אפשר —
באַנאַכט וועט עס דיר רעדן פֿון פֿיבער,
וועסט רייסן די הויט פֿון דיין לייב דיר פֿאַר צער —
און פּלוצלינג בלייבט דאָס הערצעלע שטיין —
איז אַלץ פֿאַריבער.
אָט אַזאַ קליינס ווערט באַלד ווי פּאַרמעט געל;

און די תכריכימלעך — —
די גאַנץ, גאַנץ קליינינקע תכריכימלעך — —

●

די פֿאַרשטויסענע צו די אָרימע

איר האָט אַ טאַטן, אַ שטוב און אַ קינד
און האָט אַן אייגן בעט
און ווייס געדעט
און אויף אייער קעך שטייט אַ טאָפּ פֿון בלעך
און פֿייער ברענט אונטער אייער קעך.
און אַז ס׳איז אייך אומעטיק אין שטוב אַליין,
קענט איר אויף אַ שעה צון אַ שכן גיין.

און אייך מיר׳ האָבן ווייבער, דאָך אונדזער ווייב
פֿאַרקויפֿט אין די נעכט דאָס צעמוטשעטע לייב
און אַז עס ווערט אונדז געבוירן אַ קינד,
דערטרענקען מיר עס אין אַ וואַסער, וואָס רינט
אָדער לאָזן עס ליגן אין נאַכט, רעגן, ווינט.

און ווערן מיר קראַנק, ווערן מיר מיטאַנאַנד
מיט טשיפֿערן אויסנומערירט
און אין פֿערשטאָט־שפּיטאָל אַריין אָפּגעפֿירט.
און טאָמער גיט טויט נאָר אַ שאַרפֿערן בלאָז,
נעמט מען פֿון אונדז שוין באַצייטנס די מאָס —
באַם לעבעדיקן לייב.

אַבא שטאָלצענבערג

טאַרנאָוו

דער מאַרטשין־באַרג און דער שטשעלעצקי,
די קלויסטער־שפּיצן און דער געלער בעטלער,
פּלאַקאַטן אויף די ווענט, און אַ „מאַטשעיאָווקע“ אַ סטודענט,
מיט אַ שירעם און אַ קראַכער שפּאַנט דער שטאָלצער שטעטלער.

דורך די פּלאַנטן פֿון דער באַן אַ דאָרפֿסמאַן מיט אַ קאַן,
צו דעם שטעקן צוגעקניפּט אַ זעקעלע מיט קעז.
יידעלעך מיט פּעק און בערגלייט מיט די העק,
פּראָפֿעסאָרן מיט די צוויקערס אויף די נעז.

אויף קראַקאָווסקע־גאַס, אַ קראַקאָוויאַטשעק מיט אַ פּאַס.
ס'קלינגט דער זעבל און די שפּאָרן בליצן.
און אַ פֿיאַקער בליצט פֿאַרביי אַ דאַמע, רייציק בלאַס.
אַך, נעבן אירע פֿיסלעך איצט צו זיצן.

פֿריצעלעך מיט הינט, דער לאַשטשענדיקער ווינט
טשעפּעט זיך צו זייער גאַרניטאָר.
די פֿירשטן אין אַ שלעפּ, און די בלויזע קעפּ
אַקאַדעמיקער מיט גלאַט־פֿאַרקעמטע האָר.

צו דעם הייליק אָרט אַ שוואַרצער וואָגן פֿאָרט.
ס'נויגט זיך צו דער ערד דער גאַנצער פּאַרק.
יידענעס באַם טויער, פֿון רויטע קאַלינעס דער טרויער,
ווי אַ פֿויגל־שרעקעד שטאַרט דער שלאָס פֿון מאַרטשין־באַרג.

פראַדל שטאָק

צי זאָל איך מיך פאַרבאָרגן

צי זאָל איך מיך פאַרבאָרגן ערגיץ־וואו
און וויינען שטיל, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
און אויסווישן צוריק די מידע אויגן,
וואָס האָבן קיינמאָל, קיינמאָל נישט קיין רו?

און לאָזן וואַנדערן אַוועק מיין בליק,
ווי ביז אַהער, אין גרויע, גרויע וויטן,
און וואַרפן אים דערנאָך אויף אַלע זייטן,
אין קראַנקער אומרו יאָגן זיך נאָך גליק? —

צי זאָל איך מיך אַ וואָרף טון ווילד אַריין
אין מיטן גאַס, מיט אָנגעצונד'נע אויגן
און ברומען, ווי אַ טיגערין, פון פּיין,

די דורכנדיקע נאָזלעכער צעפּלויגן? —
צי זאָל איך ערגיץ־וואו פאַרגראָבן זיין,
און וויינען שטיל, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן...

מאיר שטיקער

גליק

גליק וועט קומען אין אַ שאָפּנפּעליץ,
אין ווייכן שאָרך פֿון זיידנס און פֿון וואָל,
אין גאָלד און הייטערקייט פֿון אויסגעשטרעקטע בערג,
אין בלישטשיק פֿון וואַסערלעך אין פֿלאַכן און אין טאָל.

זיין בליק וועט צערטלען פֿרעמדע ווינקעלעך,
געזאַנג וועט אַ שפּריי טון פֿון זיין מויל
און ווי אַ סאַרנע מיט אַ וואונד אין האַרצן
פֿאַלן אויף מיין בעט ווי פֿון אַ קויל.

מאָראַליזאַטאָריש ליד

שלאָגט נישט קיין פערד. באַשווערט נישט קיין טישן מיט צו שווערער לאַסט.
איר זאָלט נישט אָפּבריען די זון מיט אויגן אייערע אָן ברילן.
קושט דעם מענטש, די לבנה און די שטיינער אויף דער גאַס.
פאַרטראַכט זיך, ווי הילפלאָז און איינזאַם עס זענען טרער און תפילה.

זעט, ס'זאָל דער האַלדז נישט פייניקן דעם קאָלנער, ס'איז אַ שאָד.
נישט שטערט מיט פענעם גרויזאַמע די אומשולד פון פאַפיר.
באַפרייט דאָס וואַסער פון העלישן זאָט.
לאָזט נישט וויינען אין די נעכט פאַראייניזאַמט דאָס קלאַוויר.
פאַרוואָס טוט אייך נישט באַנג:
די הילצערנע באַנק,
די לאָמפּ, די שפּין,
אָוונטיקע אויגן, וואָס זענען גרין.

פאַרטיליקט נישט קיין פייגל. האַקט נישט קיין ביימער, שלאָגט נישט דאָס קינד.
נישט קויפן זאָלט איר בלומען פאַר די גירלס פון שאַנטאַן.
זאָל אייך צום האַרצן זיין דער ווינט
און דאָס פינקלדיקע פינטעלע פון עראָפּלאַן.

געדענקט, אַז נישט באַוויינען זאָלט איר מער דעם האַרבסט.
און דעם שניי.
צו וואָס פאַרבלוטיקן דאָס אייגענע האַרץ?
עס טוט דאָך וויי...

אליעזר שינדלער

דער וועג

...און לאַנג וועט דער וועג זיין — מיט שפּיציקע דראָטן.
די סעדער און בייטן — מיט שטאַנגען פֿאַרצוימט;

אין שקר, אין שטאָלענע קייטן געפֿאַנגען,
וועט ליגן דער חלום, וואָס דו האָסט געטרוימט...

וועט שמאַכטן דיין גומען אויף ביטערן וואָגל
און לעכצן מיט רחמים נאָך קוועלנדיק וואַסער...

זיי וויסן: מיט רויך איז געפֿילט אָט דער לאָגל,
וואָס ס'טראָגט דיר אין פֿאַלשקייט אַנטקעגן דיין האַסער...

מינכן, תרפ"ג.

דאָס לעמעלע

ר. א.

און אָט איז האָלץ און אָט עקידה,
און אָט איז חלף אויך שוין דאָ.
אויף קרבן גרייט מיר וואַרטן בײדע —
נאָר לעמעלע איז נאָך נישטאָ.

און אָט איז זון — אַ ברוסט צום זייגן
און אָט איז טאָג נאָך יונג און בלאָ,
און קיינער וויל פֿון אונדז זיך לייגן —
און לעמעלע איז נאָך נישטאָ.

און קיינער וויל פֿון אונדז אַהיימגיין,
און קיינער וויל נישט בלייבן דאָ.
און קיינער קאָן פֿון אונדז נישט גרייט זיין —
און לעמעלע איז נאָך נישטאָ.

און אָט איז שטריק און קויש אויף ביינער,
און אָט איז זאַק אויף טלאָ און קלאָ.
און אָט איז פֿייער שוין געלייגט אויף שטיינער
און לעמעלע איז נאָך נישטאָ.

און אָט איז באַלד שוין טאָג פֿאַרגאַנגען,
און אָט איז נאַכט — אַ שוואַרצע קראָ.
און מיר, מיר זענען אויך פֿאַרגאַנגען —
און לעמעלע איז אַלץ נישטאָ.

ביבליאָגראַפֿיע

אַדלער יעקב (געב. 1877 אין דינעוו) — זכרונות, 1907. געקליבענע לידער, 1924 א. אַ.

אייזלאַנד ראובן (געב. 1884 אין ראַדאָמישל) — פֿון מיין זומער, 1922.

אימבער שמואל יעקב (געב. 1889 אין סאַסעוו) — וואָס איך זינג און זאָג, 1907. אסתרקע, 1911. אין יידישן לאַנד, 1912. רויזנבלעטער, 1914. הימלידער, 1918. וויקטאָריא, 1920. וואַלד אויס, וואַלד איין, 1920. געקליבענע דיכטונגען, 1921 א. אַ.

אַשענדאָרף ישראל (געב. 1909) — אין אַ גרויסער, פֿרעמדער שטאָט, 1932.

●

באַמזע נחום (געב. 1906) — אין טעג פֿון דער וואָך, 1929.

באַראַש אשר (געב. 1889) — יידישע לידער אין גאַליצישע צייטשריפֿטן; אין בוכפֿאָרם פֿאַרעפֿנטלעכט נאָר זיינע העברעאישע ווערק.

●

גראָס נפתלי (געב. 1895 אין קילעמיי) — פּסאַלמען, 1919. לידער, 1920. דער ווייסער רייטער, 1929. יידן, 1929.

גרינבערג אורי צבי (געב. 1894 אין בילקאַמען) — ערגיץ אויף פֿעלדער, 1915. אין צייטנס רויש, 1919. פֿאַרנאַכטנגאָלד, 1921. מעפּיסטאָ, 1921. אין מלכות פֿון צלם („אַלבאַטראָס") 1923. עטלעכע לידערביכער אויף העברעאיש.

●

דעמביצער סאַלאָמאָן (געב. 1888) — לעבנסקלאַנגען, 1907. פֿאַרלוירענע וועלטן, 1910. פֿון מיינע טעג, 1911. וואָלקן, 1912. שוואַרצע בלעטער, 1913. פֿאַרקלונגענע צייטן, 1924 א. אַ.

●

האַלפּערן משה לייב (געב. 2. יאַנואַר 1886 אין זלאָטשעוו ● געשט. 31. אויגוסט 1932 אין ניו־יאָרק) — אין ניו־יאָרק, 1919. די גאָלדענע פּאַווע, 1924.

האַראָוויץ בער (געב. 1895) — פון מיין היים אין די בערג, 1919. ריח פון דער ערד, 1920 א. אַ.

●

ווירטה מיכל (געב. 1877 אין לעמבעריק ● געשט. 1919 אין ווין) — ווירטה איז דער באַגרינדער פון דער מאָדערנער יידישער ליריק אין גאַליציע; אין בוכפאָרם גאָרנישט פאַרעפנטלעכט.

וועבער ה. (געב.) — לידער אין „צושטייער", 1930 און אין „ליטעראַרישע בלעטער".

●

טעלער י. ל. (געב. 1912) — סימבאָלן, 1930.

●

לי מלכה (געב. 1904) — לידער, 1932.

לייבל דניאל (געב. 1891) — אין גרינעם לאַמפנשיין, 1922 א. אַ.

לעווי יוסף הלל (געב. 1891) — יוגנטוועלטן, 1913. דאָס אַלטע ליד, 1914. פרומע געזאַנגען, התר"פ. אַלטע און נייע לידער, 1927.

●

מעסטעל יעקב (געב. 1884) — פאַרחלומטע שעהען, 1909. אַ ליבעסליד, 1911. וויטאַ חייזד, 1913. סאָלדאַטן- און פּאַיאַצנלידער, 1930. א. אַ.

●

נאַדיר משה (געב. 1885 אין נאַראַיעוו) — ווילדע רויזן, 1915. פון מענטש צו מענטש, 1919. אין ווילדן ווערטערוואַלד, 1919. אויף געלעכטער, 1919. דערלאַנג אַהער די וועלט, בורזשוי!, 1930. א. אַ.

גייגרעשל מענדל (געב. 1903) — אין שוואַרצן מלכות, 1924. געצעלטן, 1930. קיילעכדיקע טעג, 1935.

●

פאָגעל דבורה (געב. 1902) — טאָג־פיגורן, 1930. מאַנעקינען, 1934. א. אַ.

פאַלק יוסף (געב. 1889) — לידער אין לעמבעריקער „טאָגבלאַט" און „צושטייער".

●

קאָרן רחל ה. (געב. 1898) — דאָרף, 1928.

קעניגסבערג דוד (געב. 1891 אין בוסק) — לידער, 1912. סאָנעטן, 1913. נייע לידער (אין ש. י. אימבערס ‚*inter arma*‘), 1918. הונדערט סאָנעטן, 1921. קינדס טויטנלידער (אין „ווארשעווער אַלמאַנאַך“), 1923.

●

ראַוויטש מלך (געב. 1893 אין רעדיעם) — אויף דער שוועל, 1912. רואיגענגראָז, 1917. שפינאָזא, 1918. נאַקעטע לידער, 1921. דער קרן פון אַלע מיינע לידער, 1922. פרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן, 1924. די פיר זייטן פון מיין וועלט, 1928 א. א.

●

שטאָלצענבערג אבא (געב. 1905) — לידער אין יידיש־אַמעריקאַנישע צייטשריפטן („אינזל“, 1926, „צוקונפט“ א. א.).

שטאָק פראדל (געב. 1890) — לידער אין יידיש־אַמעריקאַנישע צייטשריפטן און אין ע. קאָרמאַנס אַנטאָלאָגיע „יידישע דיכטערנס“, 1928.

שטיקער מאיר (געב. 1905) — לידער אין צייטשריפטן.

שימעל משה (געב.   ) — לידער אין „ליטעראַרישע בלעטער“, „גלאָבוס“ א. א.; אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט נאָר זיינע פוילישע לידער.

שינדלער אליעזר (געב. 1892) — דערנער, 1912. פון סטעפ און ישוב, 1922. א קוואל זיך זינגט, 1924. שירים און איבערזעצונגען, 1927. לידער, 1929 א. א.

שנאַפער בער (געב. 1903) — אָפשוים, 1927. מיין שטאָט, 1932. מעשה און ליד, 1934.

אַנאָנסן

מענדל נייגרעשל: קיילעכדיקע טעג ● לידער ● פּרייז 1·50 שילינג
באַשטעלן בײַ: *farlag a. b. cerata, wien, 20. bezirk, jägerstraße 3*

אליעזר שינדלער: לידער ● פּרייז 1·50 זלאָטע ● וואָס פֿעלקער
דערציילן ● פּרייז 1 זלאָטע ● באַשטעלן בײַ:
farlag ,grininke bajmelech‘, wilno, stefanska 24

דר. שלומה בירנבוים: א) יידישקייט און לשון; ב) יידיש
ווערטערביכל ● צו באַקומען אין אַלע גרעסערע יידישע בוכהאַנדלונגען

לייענט די
טשערנאָוויצער בלעטער
רעדאַקטער ש. א. סופר *,tschernowitzer bleter‘, cernauti, jazului 4a*

אַבאָנירט די ,שטעגן‘
אַבאָנאַמענט־פּרייז 3 זלאָטעס אַ יאָר ● אַדרעס:
mgr. maks tabak, stanislawów, piramowicza 3

לייענט און קויפֿט
ליטעראַרישע בלעטער
רעדאַקטער־אַרויסגעבער: נחמן מייזל ● אַדרעס:
,literarisze bleter‘, warszawa, grzybowska rr. 24

דער פֿאַרלאַג א. ב. צעראַטאַ, ווין, גרייט צו צום דרוק אַן אַנטאָלאָגיע:
וואָס מען זינגט און זאָגט
וועגן דער יידישער שפּראַך